בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חִיזוק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא

תשפ"א

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וֶוען אִיךְ הָאבּ וֶוען דִי שִׁיעוּרִים פְּרִיעֶר, וָואלְט
אִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט..........................א

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין צוּפְרִידְן פוּן מַיין וַוייבּ?....................ה

וָואס קֶען אִיךְ טוּן פַאר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?..........................ח

וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?........................י

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר עֶנְג, אָבֶער דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת....א

וָואס מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט .........ב

לֵייג זִיךְ אַרָאפּ פְּרַייטָאג, צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין אוֹיסְגֶערוּטֶערְהֵייט ....ג

נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טְרַאכְט, דַארְף מֶען רֶעדְן דֶערְפוּן ..........ד

נִישְׁטָא דִי וֶוערְטֶער דִיר צוּ דַאנְקֶען פַאר אַלֶעס
וָואס טוּסְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת ..................................................ד

זָאג כָאטְשׁ אַבִּיסְל תְּהִלִּים ..........................................ה

וִוי אַזוֹי צוּ הֶעלְפְן מִיט דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה ..............................ה

רֶעדְן מִיט גֶעפִיל צוּ דִי קִינְדֶער..................................ו

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזוֹי שֵׁיין דִי לוּחַ בְּרֶסְלֶב ..............ז

זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעטְרֶעטְן..................ח

דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אִיז זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן אָפְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן....ט

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר'ן אִיבֶּערְמַאכְן מַיין דִירָה ................................ יא

תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע צַייטְן ......................... יא

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, אַלֶעס וֶועט זַיין גוּט .......................יב

אִין סֵפֶר תְּהִלִּים לִיגְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת .......................... יג

דִי הַארְבְּקֵייט פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת .......................... יג

תְּהִלִּים אִיז אַ זִיסֶע זַאךְ .......................................... טו

שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין אִין זָאגְן תְּהִלִּים........................... טו

שְׁוַוייגְן וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה............יז

אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעזָאגְט מֶען זָאל גֵיין נֶעמֶען דִי וַואקְסִין ...... יט

אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ הַצְלָחָה לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר ...................... יט

פַארְגֶעסְן דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן נֵיי......................כ

לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, דַיין יְשׁוּעָה וֶועט זִיכֶער אָנְקוּמֶען.....................כ

מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער קֶען מֶען נָאר וֶוען מֶען אִיז גוּט אוֹיסְגֶערוּט ..........כב

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט פוֹעֶל'ן דַיין שִׁידוּךְ אִין אוּמַאן .............כב

זִיכֶער מַאכְן אַז דִי לֶערֶערִינְס טוּעֶן דִי אַרְבֶּעט וִוי מֶען דַארְף .......... כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וֶוען אִיךְ הָאבּ וֶוען דִי שִׁיעוּרִים פְרִיעֶר, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ גֶע'גֶט'עֶ ווייבְּל פוּן ... שׁוּלֶע, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט קַיין אִידִישְׁקֵייט, אוּן אִיךְ פְּלַאן זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּישְׁן, אִיךְ וויל נִישְׁט טוּישְׁן מַיין לֶעבְּן, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי בִּיטֶער גֶעוֶוען דִי שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פְרוּם אוּן וואוֹיל אַלֶע יָארְן, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶס הָאט גֶעקְרַאכְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוּן פַארְשְׁטַאנֶען דִי פַאלְשְׁקֵייט פוּן דִי סֶעקְטֶע. אֲפִילוּ וֶוען מַיין נְשָׁמָה צִיט אַלֶעמָאל צוּרִיק צוּ גוּט, אָבֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט אוּן אִיךְ וִויל נִישְׁט צוּרִיקְגֵיין.

אֵיין זַאךְ וָואס אִיז מִיר גֶעבְּלִיבְּן, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ זֶען ווִי אַזוֹי אִיר גֶעבְּט אַ וֶועג פַאר מֶענְטְשְׁן, דָאס מַאכְט מִיר טְרַאכְטְן אַז וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעגַאנְגֶען אִין אַייעֶרֶע פִּיסְטְרִיט אַלְס מֵיידְל, וָואלְט אִיךְ הַיינְט גֶעהַאט אַ גֶעזוּנְטֶע גוּטֶע לֶעבְּן. דֶערְפַאר טְרַאכְט אִיךְ אַלֶעמָאל אַז אִיךְ בִּין טַאקֶע שׁוֹין צֶערִיסְן אָבֶער כָאטְשׁ אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ זֶעעֶן אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג וָואס מֶען קֶען מַאכְן דִי תּוֹרָה זִיס אוּן אָרְגִינֶעל, אָן קַיין פַאלְשְׁקֵייט.

סְפֶּעצִיעֶל הָאב אִיךְ זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען פַאר דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי אִיר זִיצְט אוּן קְלָאגְט מִיט אַייעֶר קְהִלָּה דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם תִּשְׁעָה בְּאָב, דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען ווִי בָּאלְזַאם אוֹיף מַיין פַארְוֵוייטָאגְטֶע נְשָׁמָה. וַוייל אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וִוי אִיךְ זִיץ אַלְס מֵיידְל אִין מַחֲנֶה ... אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב, דִי לֶעקְטֶערְס פַארְלָאשְׁן, מֶען זִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד, מֶען דֶערְצֵיילְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת, מַיין קְלֵיין הֶערְצֶעלֶע פְּלַאצְט צוּזַאמֶען מִיט דִי הֶערְצֶער

פון אַלֶע מֵיידלֶעךְ, מִיר זִיצְן וִוי פַארְלוֹירֶענֶע שָׁאף, מֶען שְׁמַייסְט און מֶען שְׁמַייסְט, נָאךְ אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשֶׂה, נָאךְ אַ צִיפֶּעדִיגֶע מוּסָר; אוֹי דִי פִינְסְטֶערֶע תִּשְׁעָה בְּאָב קָאשְׁמַארְן וָואס זֶענֶען מִיר נָאכְגֶעלָאפְן לַאנְגֶע טֶעג און וָואכְן דֶערְנָאךְ. נָאךְ אַ נִיגוּן פון חוּרְבָּן, נָאךְ אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע רֶעדְנֶערִין, בָּאמְבֶּעס פַאלְן, קִינְדֶער אַלֵיין אִין וַואלְד, דִי מַאמֶע אִיז גֶע'הַרְגְ'עֶט, בְּלוּט גִיסְט זִיךְ, אוֹישְׁוִויץ, אַ מַאסְן קֶבֶר, שְׁרֶעקְלִיכֶע קְרֶענְק און מַחֲלוֹת, אִיבֶּערְבֶּעטְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אוּנְזֶער תִּשְׁעָה בְּאָב. מֶען הָאט אוּנְז אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מִלְחָמָה, אִין שְׁרֶעק, אִין טֶערָאר, פַּיין, דְרוּק און גֶעוואַלְדֶעס. מֶען הָאט מִיר צוּגֶענוּמֶען מַיין אָטֶעם, מַיין לֶעבְּן און מַיין גֶעזוּנְט.

אִיךְ בַּאשוּלְדִיג נִישְׁט קֵיינֶעם, קֶען זַיין אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס אַזַא תִּשְׁעָה בְּאָב טוּט פַאר אַ מֵיידְל וָואס דַארְף נָאךְ זַיין אַ צוּקוּנְפְטִיגֶע וַוייבְּל, מַאמֶע און בַּאבֶּע. און יֶעצְט וֶוען אִיךְ קוּק אַייֶער תִּשְׁעָה בְּאָב; אַזַא הִתְעוֹרְרוּת, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין שְׁרֶעק, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין חוּרְבָּן, עֶס אִיז נָאר דָא טְרֶערְן פון הָאפֶענוּנְג, טְרֶערְן פון בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֱמֶת, צוּ אַ טַאטֶע וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט פַארְלוֹירְן פון אוּנְז.

אוֹי הַלְוַאי לֶערֶערִינְס זָאלְן דָאס זֶען, אוֹי הַלְוַאי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן וִויסְן אַז נִישְׁט דָאס וָואס מֶען הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אִינֶעם גֵּיהִנּוֹם - דָאס אִיז אִידִישְׁקֵייט, אִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיג זִיךְ פַארְ'ן אַזוֹי וֵויינֶען צוּ אַייךְ, אִיר קֶענְט מִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט אַז דִי וֶוערְטֶער לִיגְן מִיר אִין הַאלְז; כָּאטְשׁ זָאלְן דִי שֶׁעפֶעלֶעךְ וָואס זֶענֶען אִין מַיינֶע קִינְדֶער שִׁיךְ וִויסְן וואוּ עֶס אִיז דֶער גֵּיהִנּוֹם און וואוּ עֶס אִיז גַּן עֵדֶן.

אַ ... תַּלְמִידָה

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייֶער בְּרִיווּ.

אַזוֹי וִוי אַייךְ זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ פון דִי יוּגֶענְט וָואס גֵייעֶן אַוֶועק פון דִי תּוֹרָה וֶועג מֵיינֶענְדִיג אַז דִי פְרֵייעֶ לֶעבְּן אִיז דִי גוּטֶע לֶעבְּן, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁטָא פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער קֵיין אַנְדֶערֶע וֶועג צוּ לֶעבְּן; עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דִי פְרֵייעֶ לֶעבְּן אִיז גֶעשְׁמַאקֶער אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר אַז מֶען הִיט דִי

תּוֹרָה הָאט מֶען לֶעבְּן, נָאר אַז מֶען טוּט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט - אִיז מֶען גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

וְוי אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי פוּן אַייעֶרע וֶוערְטֶער זֶענְט אִיר זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַייעֶר הַארְץ אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ אִידִישֶׁע הַארְץ, אַייעֶר נְשָׁמָה בֶּענְקְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיר קֶענְט אִין אֵיין מִינוּט זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַּארְרֶעכְטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט", - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר נֶעמְט יֶעדְן אֵיינֶעם צוּרִיק, נָאכְמֶער פוּן דֶעם זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יוֹמָא פו:): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁזְּדוֹנוֹת נַעֲשׂוֹת לוֹ כִּזְכִיּוֹת", וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה פוּן לִיבְשַׁאפְט, מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל מֶען הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶוערְן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת - מִצְוֹת.

וְויסְן זָאלְט אִיר, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אִיז אַ זִיסֶע תּוֹרָה, אַ גוּטֶע זַאךְ; עֶס זֶענֶען דָא וָואס פַּארְדְרֵייעֶן דִי תּוֹרָה, זֵיי מַאכְן זִיךְ אַן אֵייגֶענֶע תּוֹרָה וָואס שְׁטֶעכְט, עֶס זֶענֶען דָא וָואס לֵייגְן צוּ נֵייעֶ זַאכְן, דָאס מַאכְט עֶס שְׁטֶעכֶעדִיג; דָאס אִיז נִישְׁט דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט קַיין שְׁטֶעכֶעדִיגֶע זַאךְ, דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט קַיין בִּיטֶערֶע זַאךְ, אַזוֹי וְוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה לב) וֶוער זָאגְט אַז 'כַּפּוֹת תְּמָרִים' אִיז אַ לוּלָב, אֶפְשָׁר מֵיינְט דִי תּוֹרָה מִיר זָאלְן נֶעמֶען פָּאר כַּפּוֹת תְּמָרִים אַ שְׁטֶעכֶעדִיגֶע בְּלֶעטְל? אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער זָאגְט אַז 'עֲנַף עֵץ' אִיז הֲדַסִּים, אֶפְשָׁר אִיז עֲנַף עֵץ עָבוֹת אַ הִירְדוּף - אַ דָארְן בְּלֶעטְל? זָאגְט דִי גְמָרָא, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין, וַוייל (מִשְׁלֵי ג, יז): "דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם", דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַ זִיסֶע וֶועג, נִישְׁט קַיין שְׁטֶעכֶעדִיגֶע וֶועג, אִיז זִיכֶער נִישְׁט פְּשַׁט מֶען זָאל נֶעמֶען דִי זַאכְן אִין דִי הֶענְט אוּן וֶוערְן צֶעשְׁטָאכְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם ווִילְנֶער גָאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹיבּ מֶען לֵייגְט צוּ זַאכְן צוּ דִי תּוֹרָה, בַּיים סוֹף לָאזְט מֶען אָפּ דִי תּוֹרָה; עֶר טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כז, מ): "וְהָיָה כַּאֲשֶׁר 'תָּרִיד' וּפָרַקְתָּ עֻלּוֹ", 'תָּרִיד'

אִיז מִיט אֵיינְס מֶער פוּן ׳תַּרְיַ"ג׳, וְהָיָה כַּאֲשֶׁר ׳תָּרִיד׳, אַז דוּ וֶועסְט צוּלֵייגְן אֵיינְס אוֹיף תַּרְיַ"ג, עֶס וֶועט וֶוערְן תָּרִי"ד - וּפָרַקְתָּ עֻלּוֹ, דֶעמָאלְט וַוארְפְט מֶען אַרָאפּ דֶעם עוֹל פוּן דִי תּוֹרָה.

דָאס אִיז דִי וֶועג פוּנֶעם ס"מ; עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן מִיט אָדָם וְחַוָּה, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַּאר אָדָם הָרִאשׁוֹן (בְּרֵאשִׁית ג, ג): "לֹא תֹאכְלוּ מִמֶּנּוּ", מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת, אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי אוּן צוּגֶעלֵייגְט: ׳לֹא תִגְּעוּ בּוֹ׳, אוֹיךְ לָאזְט נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶען זָאל אָנְרִירְן דֶעם בּוֹים, אוּן אֵיינְמָאל עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט וְכוּ׳ הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דוּרְכְדֶעם אָדָם וְחַוָּה אוּן גוֹרֵם גֶעוֶוען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס; דָאס פַּאסִירְט וֶוען מֶען לֵייגְט צוּ, מֶען מַאכְט זִיךְ אַן אֵייגֶענֶע תּוֹרָה.

אַייעֶר לֶעבְּן קֶען נָאךְ וֶוערְן שֵׁיין אוּן זִיס, בַּיים רֶבִּינְ׳ס שׁוּלֶע נֶעמְט מֶען אָן אוֹיךְ עֶרְוָואקְסֶענֶע; מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין אַ יוּנְגֶע מֵיידְל צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, בַּיים רֶבִּי"ן אִיז דָא אַ וֶועג זִיךְ זִיס צוּ מַאכְן דָאס לֶעבְּן אֲפִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין עֶלְטֶער. הֵייבְּט אָן נוּצְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, תְּהִלִּים אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין זִיבְּן, זָאגְט יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים", וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ צוּרִיקקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, "כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וַוייל תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זָאגְן אַלֶע אַסַאךְ תְּהִלִּים, וַוייל דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה, "וְעַל כֵּן הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד לַעֲסֹק תָּמִיד בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי תְּהִלִּים הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בּוֹ", דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין אִין זָאגְן תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין צוּפְרִידְן פוּן מַיין ווייבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אָבֶער דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבּ אִיךְ יָא אַבִּיסְל, נָאךְ אַלְס קִינְד פְלֶעגְט מַיין שְׁוֶועסְטֶער זָאגְן אַז אִיר לֶערֶערִין זָאגְט אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ. אִין אָנְהוֹיבּ הָאבּ אִיךְ גֶעלַאכְט דֶערְפוּן, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶס מִיר יָא גֶעכַאפְּט, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ הָאבּ אַלֶעמָאל אַן אֹזֶן קַשֶׁבֶת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרֵייט מִיר אוֹיסְצוּהֶערְן אַלֶעמָאל, אֲפִילוּ וֶוען מֶענְטְשְׁן פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר נִישְׁט.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם פֵיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע אוּן וואוֹילֶע ווייבּ, אָבֶער מִיר קוּמֶען פוּן פְרוּמֶע מִשְׁפָּחוֹת, אִיךְ שְׁפִּיר אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר מִיר, אוּן אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם וָואס שְׁטֶערְט מִיר אַסַאךְ אִין לֶעבְּן.

וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר חֲבֵרִים הָאבְּן זֵיי מִיר גֶע'עֵצָה'ט זִיךְ צוּ גֶטְ'ן, אִיךְ וִויל אָבֶער נִישְׁט, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן מִיט אִיר; נָאר עֶס שְׁטֶערְט מִיט דִי פְרוּמֶע וֶועג ווי אַזוֹי זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן. וָואס אִיז יָא דִי עֵצָה? ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז אִיךְ זָאל בֶּאֱמֶת זַיין צוּפְרִידְן אִין שְׁטוּבּ אוּן נִישְׁט זוּכְן קַיין גְלִיקְן אִינְדְרוֹיסְן?

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען אוֹיף דִי פִילֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בַּאקוּמֶען פוּן אַייךְ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מִיר מוֹחֵל וָואס אִיךְ גֵיי דִיר זָאגְן, אוֹיבּ אֵיינֶער דַארְף זִיךְ פַארְעֶכְטְן - אִיז דָאס נִישְׁט דַיין וַוייבּ; אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט צוּפְרִידְן, דוּ בִּיסְט נִישְׁט זַאט אִין לֶעבְּן - הָאט דָאס נִישְׁט מִיט אִיר, דוּ בִּיסְט דֶער פְּרָאבְּלֶעם, אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ שְׁפִּירְן צוּפְרִידְן אוּן גְלִיקְלִיךְ - לִיגְט דָאס אִין דַיינֶע הֶענְט. זַיין אַ

צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיט זִיךְ אַלֵיינְס; דִי וָואס טְרַאכְטְן: 'אוֹיבּ מַיין וַוייבּ וֶועט זַיין אַזוֹי און אַזוֹי, זִי וֶועט זִיךְ אָנְטוּן אַזוֹי און אַזוֹי - וֶועל אִיךְ זַיין גְלִיקְלִיךְ און צוּפְרִידְן', אַזוֹי אוֹיךְ דִי פְרוֹיעֶן וָואס טְרַאכְטְן: 'וֶוען מַיין מַאן וֶועט זַיין אַזוֹי און אַזוֹי, וֶועל אִיךְ זַיין אַ גְלִיקְלִיכֶע' - דִי זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, וַוייל זַיין פְרֵיילִיךְ, גְלִיקְלִיךְ און צוּפְרִידְן - דָאס הָאט מִיט זִיךְ אַלֵיינְס.

ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן אַ צוּפְרִידְנְקֵייט אִין לֶעבְּן, מֶען וֶוערְט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ זֵייעֶר גְלִיקְלִיךְ.

וָואס אִיז בִּיטוּל? ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וֶוען מֶען וֵוייסְט און גֶעדֶענְקְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, גָארְנִישְׁט אִיז אַ פֶּערְצוּפַאל, נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, נִישְׁטָא קַיין מִקְרֶה און קַיין מַזָל, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז אַ לְבוּשׁ, אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְץ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מַיין וַוייבּ, מַיין מַאן, מַיינֶע קִינְדֶער, מַיין פַּרְנָסָה, מַיין הוֹיז, מַיין קַאר, מַיין טַאטֶע, מַיין מַאמֶע, מַיינֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן, מַיינֶע אִיבֶּערְגֵייאַכְטְץ, מַיין אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ און וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס גוּט אַרַיין אִין זִיךְ וֶוערְט מֶען אֵיינְס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז בִּיטוּל; דֶעמָאלְט אִיז מֶען צוּפְרִידְן מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט.

אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ וואוֹילֶע וַוייבּ און אַ גוּטֶע וַוייבּ, אַזוֹי ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט אִינֶעם בְּרִיוו: "אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע און וואוֹילֶע וַוייבּ", - דַארְפְסְטוּ דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס דַארְף מֶען מֶער פוּן גוּט און וואוֹיל? עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נָאר דִמְיוֹנוֹת. מִיר גֶעפִינֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כג:) דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רֶבִּי מָנִי הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַאר רֶבִּי יִצְחָק בֶּן אֶלְיָשִׁיב: "לֹא מִיקַבְּלֵי עֲלַי אִינְשֵׁי בֵּיתִי", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ מַיין וַוייבּ, זִי אִיז נִישְׁט שֵׁיין פַאר מִיר, הָאט רֶבִּי יִצְחָק מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר אִיר זִי זָאל שֵׁיין וֶוערְן און עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס אַז זִי אִיז שֵׁיין גֶעוָוארְן. נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעקוּמֶען וֵויינֶען צוּ רֶבִּי יִצְחָק און

גֶעזָאגְט: "קָא מִגַּנְדְּרָא עֲלֵי", פוּן וֶוען זִי אִיז שֵׁיין גֶעוָוארְן גְרוֹיסְט זִי זִיךְ אוֹיף מִיר, זִי אִיז מְזַלְזֵל אִין מִיר, הָאט רֶבִּי יִצְחָק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַוֶועק גֵיין דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִיר כְּדֵי זִי זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אִיר מַאן אוּן זִי אִיז צוּרִיק גֶעוָוארְן וִוי פְרִיעֶר, אִים אִיז עֶנְדֶערְשׁ גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּט'עֶ פְרוֹי וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט וְכוּ' אָבֶּער זִי הָאט הַכְנָעָה; זִי גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט, זִי אִיז גֶעטְרֵיי, זִי אִיז גְרֵייט פַאר אִים, זִי קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף אִים - וִוי אֵיידֶער הָאבְּן אַ פְרוֹי וָואס גְרוֹיסְט זִיךְ אוּן טְרֶעט אוֹיף אִים.

אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט וִוי דִיר הָאבְּן דִי פֵייגְלֶעךְ אִין קָאפּ, זֵיי פַּיינִיגְן זִיךְ מִיט דֶער גֶעדַאנְק: 'אִיךְ ווִיל מַיין וַוייבּ זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי', 'אִיךְ ווִיל אַ וַוייבּ אַזוֹי', זֵיי שְׁלָאגְן זִיךְ אִין קָאפּ מִיט מַחֲשָׁבוֹת: 'וֶוען זִי וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען אַזוֹי וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ', 'וֶוען זִי וָואלְט זִיךְ גֶעטוּישְׁט וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט שְׁמִירַת עֵינַיִם'; דָאס אִיז אַלֶעס פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין עֶרְלִיךְ, הֵיילִיג אוּן רֵיין; עֶר בְּרֶענְגְט דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת פוּן נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן פוּן דִי וַוייבּ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֱמוּנָה, בֶּעט אִים דִי וֶוערְטֶער:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר, מַאךְ רוּעֶן דִי שְׁכִינָה בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, גֶעבּ מִיר צוּפְרִידְנְקֵייט; אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט מִיר, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט מַיין לֶעבְן, מִיט מַיין וַוייבּ אוּן מִיט אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן; אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְזִינְקֶען אִין טוּמְאָה, אִיךְ הָאבּ מַפְקִיר גֶעוֶוען מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ קוּק אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן; דָאס מַאכְט אִיךְ זָאל נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן מַיין וַוייבּ. אִיךְ בִּין אַזוֹי מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן פוּן קוּקְן אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ, עֶס אִיז בַּיי מִיר מְקוּיָם גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק פוּן דִי תּוֹכָחָה (דְּבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה"; אִיךְ הָאבּ אַ וואוּילֶע וַוייבּ, אָבֶּער דִי עֲבֵירוֹת מַאכְן אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פַארְדְרֵיידְט אַז אִיךְ טְרַאכְט נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת פוּן זִיךְ גֶעטְ'ן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; הֶעלְף מִיר טַאטֶע, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ לִיבּ הָאבְּן מַיין שְׁטוּבּ, אִיךְ

וֶועל לִיב הָאבְּן צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַּארְוָואס אִיךְ ווִיל אַלְץ אַרוּיסְלוּיפְן, אִיךְ זוּךְ אַלְץ גְלִיקְן, אִיךְ רֶעד זִיךְ אַיין אַז עֶפֶּעס גְלִיק אִיז דָא אִינְדְרוּיסְן"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע בַּקָשׁוֹת פוּן הַארְץ.

אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אוֹיב דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דִי תְּפִלָּה וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג בִּיז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן אִין שְׁטוּב אַ טַעַם גַן עֵדֶן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט וועלְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ ווִי דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן דִי גַאס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**וָואס קֶען אִיךְ טוּן פַאר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה ווִי דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט דָארְט אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אֵיינֶעם פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, אוּן אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר יֶענֶעם פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, אִיךְ זֶע אַ גַאנְצֶע צַייט ווִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט דָא אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן אוֹיךְ אִין אַמֶערִיקֶע, יֶעדֶער טוּט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ צוּ הֶעלְפְן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. דֶערְוַוייל טוּ אִיךְ נָאךְ גָארְנִישְׁט צוּ הֶעלְפְן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, חוּץ פוּן דִי בִּיסְל הֲפָצָה, אִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייט סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת. אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן וֶועגְן דֶעם, וַוייל אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק טוּן אוּן אוֹיפְטוּן פַאר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס נָאךְ אִיךְ קֶען אוֹיפְטוּן פַאר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס דַארְפְסְטוּ מֶער פוּן גֵיין הֲפָצָה? וָואס קְלַאפְּסְטוּ זִיךְ אַרָאפּ אַז דוּ טוּסְט גָארְנִישְׁט פַאר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?! אַז דוּ גֵייסְט הֲפָצָה בִּיסְטוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וָואס אִיז דֶען הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוֹיבּ נִישְׁט הֲפָצָה?!

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דָאךְ נָאר הֲפָצָה; מוֹהֲרַ"ש הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ קְהִלַּת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נט): "כִּי זֶה הָאִישׁ הַמִּשְׁתַּדֵּל לְקָרֵב וְלַעֲשׂוֹת נְפָשׁוֹת הוּא בּוֹנֶה בְּחִינַת 'הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ'", דֶער צַדִיק וֶוען עֶר אִיז מְקַרֵב אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיט עֶר אוֹיף אַן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, "וְהַנּוֹתָר בִּירוּשָׁלַיִם קָדוֹשׁ יֵאָמֶר לוֹ, הַיְנוּ זֶה שֶׁבְּנֵי אָדָם נִשְׁאָרִים דְּבוּקִים בְּיִרְאָה שְׁלֵמָה עַל יָדוֹ, אַף עַל פִּי שֶׁיֵּשׁ כַּמָּה וְכַמָּה שֶׁנָּפְלוּ מִקְּדֻשָּׁתָם, אַף עַל פִּי כֵן מֵאֵלּוּ שֶׁנִּשְׁאֲרוּ בְּיִרְאָה שָׁלֵם עַל יְדֵי זֶה "קָדוֹשׁ יֵאָמֶר לוֹ", מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן אִין דֶעם הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לָאקֶערְט זֵייעֶר אוֹיף דִי נְשָׁמוֹת זֵיי אַוֶועק צוּ נֶעמֶען פוּן דָארְט; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם חֵלֶק ב', סִימָן עא): "כִּי בְּוַדַּאי צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם כֹּחַ וּגְבוּרָה לַעֲמֹד בָּזֶה, שֶׁיִּזְכּוּ לִהְיוֹת בְּהֵיכָלָא דְמַלְכָּא", מֶען דַארְף הָאבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן אִין דֶעם שֵׁיינֶעם פְּלַאץ וְכוּ'; צוּ טוּן וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין מְקָרֵב זַיין נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס מֵיינְסְטוּ, וֶוער אִיז אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? נִישְׁט דֶער וָואס אִיז פוּן דֶער נָאנְט אִיז נָאנְט אוּן נִישְׁט דֶער וָואס אִיז פוּן דֶערְוַוייטֶענְס שְׁטֵייט וַוייט; דֶער וָואס אִיז מְקַיֵּים דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס ווִילְן - דֶער אִיז נָאנְט, נָאר דֶער אִיז פַארְרֶעכְנְט פַאר אַ תַּלְמִיד.

מוֹהֲרַ"שׁ זָאגְט, אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דֶער וָואס טוּט דִי פָּאר זַאכְן: עֶרְשְׁטְנְס, דֶער וָואס לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. צְוֵוייטְנְס, אַז

מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם וָואס מִיר זֶענֶען אִידְן אוּן טוּעֶן מִצְוֹת. דְרִיטְנְס, דֶער וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְטִיגְקֵייט פַאר דִי וֶועלְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ. פֶערְטְנְס, דֶער וָואס רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי בִּיז וֶוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן. פִיפְטְנְס, דֶער וָואס אִיז מְחַזֵק אַנְדֶערֶע אוּן מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע. זֶעקְסְטְנְס, דֶער וָואס לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה וְכוּ' וְכוּ'.

צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט, קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ; זַיי שְׁטַארְק מִיט דִי זַאכְן וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו, גֵיי וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פַאר אַנְדֶערֶע אוּן מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, בִּפְרַט אִין דִי בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בַּנַחַל, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְכוּ'. מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין דִי תּוֹרָה, לֶערְן אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא; זַיי מְחַזֵק אַנְדֶערֶע, גֶעבּ אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ צְוֵוייטְן אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶעמָאלְט בִּיסְטוּ פַארְרֶעכְנְט פַאר אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

רֵאשִׁית כֹּל, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מִיר גָאר שְׁטַארְק מְחַזֵק.

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן מִיט אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע מִשְׁפָּחָה, אִיךְ אַרְבֶּעט פַאר פַּרְנָסָה, אוּן אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ לֵיין דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. מַיין שְׁאֵלָה אִיז, קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ רֶעכֶענֶען פַאר אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה פוּן דֶערְוַוייטְנְס דָא וואו אִיךְ וואוֹין, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ אַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג? אוּן אוֹיבּ יָא, ווִי אַזוֹי?

נָאךְ אַ זַאךְ וויל אִיךְ פְרֶעגְן, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וָואס אִיר הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט [דֶער

בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דוּרְךְ אַ נִיגוּן פוּנֶעם צַדִיק גֵייעֶן אַוֶועק דִי שְׁאֵלוֹת פוּן חָלָל הַפָּנוּי. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן: "וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דוּרְךְ דִי נִיגוּן פוּנֶעם צַדִיק קוּמֶען אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַפִּיקוֹרְסוּת, זֵיי הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה - דִי אַלֶע, וֶוען זֵיי הֶערְן דִי נִיגוּן פוּנֶעם צַדִיק - קוּמֶען זֵיי צוּרִיק", אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וִוי אַזוֹי מֶען נוּצְט דָאס אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, אִיז דָאס עֶפֶּעס אַ גֶעוִויסֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע נִיגוּן וָואס מֶען דַארְף זִינְגֶען? אָדֶער סַיי וֶועלְכֶע נִיגוּן פוּן אַ צַדִיק וָואס אִיז מְעוֹרֵר אוֹיף דֶעם "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל - הֶעלְפְּט אוֹיךְ? בַּיי מִיר אַרְבֶּעט עֶס אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוער אִיךְ נִתְעוֹרֵר דוּרְךְ אַן אַנְדֶערְן נִיגוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, מוֹהֲרַ"ש הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי נְקוּדָה, מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען אַז דֶער רֶבִּי אִיז מְצוּמְצָם אִין אַ גֶעוִויסֶע פְּלַאץ. לַאנְגֶע יָארְן הָאט מֶען גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז מְצוּמְצָם אִין דִי שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם; אַלֶע הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט קוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם צוּם שׁוּל, כְּאִילוּ נָאר דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי'ס זַאךְ, מוֹהֲרַ"ש הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם, מֶען זָאל וִויסְן אַז דֶער רֶבִּי אִיז אִיבֶּערָאל, דֶער רֶבִּי גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט וואו מֶען רֶעדְט פוּן אִים, דָארְט וואו מֶען לֶערְנְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן וואו מֶען פָאלְגְט דִי עֵצוֹת.

וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן קַיין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע מַחֲלֹקֶת צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וואו דֶער קִיבּוּץ אִיז; אַ טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט דֶער קִיבּוּץ אִיז אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן אַ טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער קִיבּוּץ אִיז אִין מִירוֹן, בַּיים קֶבֶר פוּן הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, בִּיז מוֹהֲרַ"ש אִיז גֶעקוּמֶען, עֶר הָאט גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק - נִישְׁט פוּן מִירוֹן אוּן נִישְׁט פוּן יְרוּשָׁלַיִם; דֶער קִיבּוּץ אִיז אִין אוּמַאן, אוּן אַז

מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אִין אוּמַאן, אִיז אִיבֶּערָאל וואוּ עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען צֶען מֶענְטְשְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס גְלֵייבְּן אִין רֶבִּי'ן - דָארְט אִיז אַ קִיבּוּץ.

אוֹיף אִין אוּמַאן הָאט מוֹהֲרָא"ש מְבַטֵּל גֶעוֶועְן דִי טִפְּשׁוּת פוּן דִי וָואס הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז אִין קְלוֹיז, דֶער רֶבִּי אִיז דָא, דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן אִים, דָארְט וואוּ מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים אוּן מֶען אִיז מְקַיֵּים דִי עֵצוֹת", וּבִפְרַט דָארְט וואוּ מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בְּעִנְיַן קִירוּב רְחוֹקִים, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי סַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דֶעם, מֶען זָאל עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, דוּ ווִילְסְט זַיין אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט דֶער וָואס אִיז נָאנְט, דִי וֶועלְכֶע זֶענֶען נָאנְט אוּן טוּעֶן נִישְׁט וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט - הָאבְּן גָארְנִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, מֶען קֶען זַיין נָאנְט אוּן מֶען אִיז וַוייט, אוּן מֶען קֶען זַיין וַוייט אוּן מֶען אִיז נָאנְט; נָאנְט אִיז דֶער וָואס לֶערְנְט אַסַאךְ אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דֶער וָואס אִיז זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע וֶועגְן דִי נִיגּוּן וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט וְכוּ'; דִי צַדִּיקִים זֶענֶען מְגַלֶּה דִי רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, זֵיי זִינְגֶען נִיגּוּנִים פוּן אֱמוּנָה אוּן דוּרְךְ דֶעם קֶערְן זִיךְ אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעמַאכְט אַ נִיגּוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "**מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרֵךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם**", מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין אָנְהֵייבּ דָאס גֵיין אַלֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיין אִין וַואלְד, פוּן דִי חַיּוֹת וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער גֶעזוּנְגֶען דִי וֶוערְטֶער: "**מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרֵךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם**", עֶר הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט הוּנְדֶערְטֶער מָאל, בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע נִיגּוּן.

וֶוען מֶען זִינְגְט דִי נִיגּוּנִים וֶוערְט מֶען שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, מֶען בַּאקוּמְט אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה. דִי צַדִּיקִים, זֵיי בְּרֶענְגֶען אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַזוֹי

ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ח): "עַל כֵּן כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקוּרָב ווֶוערְן צוּ אַן אֶמֶת'ן מַנְהִיג זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה, "אֲבָל בֶּאֱמֶת צְרִיכִין לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ מְאֹד מְאֹד אַחַר מַנְהִיג אֲמִתִּי כָּזֶה", אָבֶּער מֶען דַארְף זוֹכְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן אַן אֱמֶת'עֶר מַנְהִיג, "וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי", מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַן אֱמֶת'עֶר מַנְהִיג, "כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת", כְּדֵי מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה, "כִּי כְּשֶׁמִּתְקָרְבִין, חַס וְשָׁלוֹם, לְמַנְהִיג שֶׁל שֶׁקֶר", ווַייל ווֶוען מֶען ווֶוערְט מְקוּרָב צוּ אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג, "עַל יְדֵי זֶה בָּאִין, חַס וְשָׁלוֹם, לֶאֱמוּנוֹת כְּזָבִיּוֹת", פַארְלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה אוּן מֶען הֵייבְּט אָן גְלֵייבְּן אִין פַאלְשֶׁע זַאכְן רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ ווֶעלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**ווִי אַזוֹי פַארְשְׁטֵייט מֶען דֶער מַהוּת פוּנֶעם חָלָל הַפָּנוּי דוּרְךְ אַ נִיגוּן?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָאלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ד, אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר מַסְבִּיר זַיין וָואס אִיז דִי כַּוָונָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין דִי תּוֹרָה. מֵיינְט דָאס צוּ זָאגְן אַז דוּרְךְ אַ נִיגוּן קֶען אַ מֶענְטְשׁ מַשִּׂיג זַיין אוּן פַארְשְׁטֵיין זַאכְן וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט יֶעצְט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי מַהוּת פוּנֶעם חָלָל הַפָּנוּי? אוּן וָואס אִיז לְמַעֲשֶׂה דִי תּוֹעֶלֶת פוּן אַ נִיגוּן, אִיז דֶער תּוֹעֶלֶת צוּ קֶענֶען מַשִּׂיג זַיין זַאכְן וָואס זֶענֶען הֶעכֶער פוּן אוּנְזֶער פַארְשְׁטַאנְד? אוּן וָואס קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי תּוֹרָה אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, פַאר'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְן פוּן אַ פָּשׁוּטְ'עֶר מֶענְטְשׁ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן סד): ״**וְדַע, שֶׁעַל יְדֵי הַנִּגּוּן שֶׁל הַצַּדִּיק, הוּא מַעֲלֶה אֶת הַנְּשָׁמוֹת מִן הָאֶפִּיקוֹרְסִית הַזֹּאת שֶׁל הֶחָלָל הַפָּנוּי שֶׁנָּפְלוּ לְשָׁם**״, וְויסְן זָאלְסְטוּ אַז דוּרְךְ דִי נִיגוּן פוּנֶעם צַדִיק קוּמֶען אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַפִּיקוֹרְסוּת, זֵיי הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה - דִי אַלֶע, וֶוען זֵיי הֶערְן דִי נִיגוּן פוּנֶעם צַדִיק - קוּמֶען זֵיי צוּרִיק.

דֶער נִיגוּן אִיז דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען טַאקֶע אוֹיף דִי תּוֹרָה וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז: ״מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין״, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר אִיז אִין אַלֶעס אוּן אַרוּם אַלְצְדִינְג; דֶעמָאלְט הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי קַשְׁיָא ׳וְוי אַזוֹי קֶען זַיין אַ חָלָל הַפָּנוּי?׳ וַוייל אוֹיבּ דֶער חָלָל הַפָּנוּי אִיז אוֹיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ דָאס נִישְׁט קַיין חָלָל הַפָּנוּי?! אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע; אֲפִילוּ אִינֶעם חָלָל הַפָּנוּי אִיז אוֹיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נָאר מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ קֶענֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, דֶער חָלָל הַפָּנוּי אִיז בַּיי אוּנְז אִין מֹחַ, דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר אַסַאךְ זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן פוּנֶעם צַדִיק, וָואס דֶער נִיגוּן וֶועט מֶען זִינְגֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען; ״מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל, ״וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אַלֶעס אַרוּם, ״אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל״, נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם״, אִין יֶעדֶע רִיר אִיז דָארְט בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; וַוייל דֶער נִיגוּן אִיז כּוֹלֵל אַלֶע נִיגוּנִים, ״כָּל הַזְּמִירוֹת וְהַנִּגּוּנִים שֶׁל כָּל הַחָכְמוֹת נִמְשָׁכִין מִזֶּה הַזֶּמֶר וְהַנִּגּוּן״, אַלֶע נִיגוּנִים אוּן אַלֶע גֶעזַאנְגֶען קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם נִיגוּן, ״שֶׁהוּא לְמַעְלָה מִכָּל הַזְּמִירוֹת וְהַנִּגּוּנִים שֶׁל כָּל הַחָכְמוֹת״, וַוייל דֶער נִיגוּן אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע נִיגוּנִים, ״כִּי הוּא הַזֶּמֶר הַשַּׁיָּךְ לְהָאֱמוּנָה בְּהָאוֹר אֵין סוֹף עַצְמוֹ, שֶׁהוּא לְמַעְלָה מִן הַכֹּל״, וַוייל דֶער נִיגוּן אִיז

אַן אֱמוּנָה נִיגוּן, אַ נִיגוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

קוּמְט אוֹיס פַּארְקֶערְט ווִי דוּ פְּרֶעגְסְט, דֶער רֶבִּי ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל זִינְגֶען נִיגוּנִים צוּ פַּארְשְׁטֵיין זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין, צוּ פַּארְשְׁטֵיין דֶעם חָלָל הַפָּנוּי, מֶען דַארְף נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין דֶעם חָלָל הַפָּנוּי; דָאס קֶען מֶען נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין, ווַייל בְּעֶצֶם אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיבֶּערָאל, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁטָא; אֵיי ווִי קֶען זַיין דֶער חָלָל הַפָּנוּי, וָואס אִיז לוֹיטְן גְרָ"א בִּפְשְׁטוּת? הָאבְּן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים מְגַלֶּה גֶעוֶוען דָאס וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אִין דִי תּוֹרָה, אַז דֶער חָלָל הַפָּנוּי אִיז בַּיי אוּנְז אִין קָאפּ וְכוּ'.

אַוַדַאי אִיז דֶער תּוֹרָה אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, דֶער תּוֹרָה בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה; ווִי מֶער מֶען חַזְרְ'ט דִי תּוֹרָה אַלְץ מֶער וֶוערְט קְלָאר דִי אֱמוּנָה אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלְץ מֶער וֶוערְט קְלָאר אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער הֵיפְּן אִיבֶּער דִי אַלֶע חֲקִירוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וְעַל כֵּן יִשְׂרָאֵל נִקְרָאִים עִבְרִיִּים", פַארְוָואס וֶוערְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אָנְגֶערוּפְן מִיטְ'ן נָאמֶען 'עִבְרִיִּים'? "שֶׁעַל יְדֵי אֱמוּנָתָם שֶׁמַּאֲמִינִים שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֱלֹקֵי הָעִבְרִיִּים כַּנַּ"ל, הֵם עוֹבְרִים עַל כָּל הַחָכְמוֹת וְעַל מַה שֶּׁאֵינָם חָכְמוֹת", ווַייל אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וָואס מִיט דִי אֱמוּנָה גֵייעֶן זֵיי אַרִיבֶּער אַלֶע חָכְמוֹת אוּן אַלֶע קַשְׁיוֹת, זַאכְן וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין; 'עִבְרִיִּים' אִיז טַייטְשׁ 'אִיבֶּערְגֵיין', מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי חָכְמוֹת, נָאר מִיר בְּלַייבְּן מִיט אֱמוּנָה.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, דָארְט זוּךְ דִיר אַ חָלָל הַפָּנוּי, דָארְט זָאלְסְטוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ. בֶּעט אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, זָאלְסְט גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר אִיז אַלֶעס; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶר; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז עֶס וֶועט שַׁיינֶען אוֹיף דִיר דִי אוֹר אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים].

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר עֶנְג, אָבֶער דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ בְּלַייבְּן מִיט דַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם. אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר עֶנְג, דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף פִּיץ פִּיצְלֶעךְ; שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָארְן וַוארְטְסְטוּ אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ, דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁטְרַאל פוּן לִיכְטִיגְקֵייט, מֶען טְרָאגְט דִיר גָארְנִישְׁט אָן, אַלֶע דַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין שְׁטוּבֶּער מִיט קִינְדֶער, דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן.

דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרְער בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת; דֶערְהַאלְט זִיךְ, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, בְּלַייבּ פְּרִישׁ. טוּ זִיךְ אָן שֵׁיינֶע זוֹיבֶּערֶע קְלֵיידֶער, מַאךְ זִיךְ שֵׁיין דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ. וְהָעִקָּר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, בֶּעט אִים דִי וֶוערְטֶער:

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, רַחְמָנוּת׳דִיגֶער טַאטֶע, דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער פָּאטֶער, גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ; גֶעבּ מִיר מַיין פָּאר, גֶעבּ מִיר מַיין בַּאשֶׁערְטֶע, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זַיין אַלֵיינְס, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אַלֵיינְס, אִיךְ קֶען זִיךְ מֶער נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פּוֹגֵם זַיין, אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין גְרָאבֶּע בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת.

טַאטֶע זִיסֶער, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת; הֶעלְף

**מִיר, שְׁטַארְק מִיר, בְּרֶענְג מִיר מַיין שִׁידוּךְ וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער".**

אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת; דִי תְּפִילוֹת וֶועלְן אַרוֹיפְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפַּאלְטְן אַלֶע הִימְלֶען אוּן דִיר בְּרֶענְגֶען דַיין יְשׁוּעָה.

...

**וָואס מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, לֶערְן צְוֵויי דְרֵיי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג; מִשְׁנַיוֹת וַואשְׁט אָפּ דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָה.

אוֹיךְ לֶערְן אַבִּיסְל גְמָרָא; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד", דֶער עִיקָר אִיז דָאס זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, נָאר דָאס וֶועלְן מִיר מִיטְנֶעמֶען אוֹיף אֵייבִּיג; ווִילַאנְג מֶען לֶעבְּט קֶען מֶען זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט צוּ נֶעמֶען תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים; וָואס מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן - דָאס נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

...

## לֵייג זִיךְ אַרָאפּ פְּרַייטָאג, צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין אוֹיסְגֶערוּטֶערְהֵייט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין סִיּוּם הַשַּׁ"ס, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע סִיּוּם; דַיין טַאטֶע אוּן זֵיידֶע הָאבְּן אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן, זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעזֶען וִוי זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען וִוי דוּ בִּיסְט מְסַיֵּים שַׁ"ס.

יֶעצְט זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַסֶּכֶת תַּעֲנִית; לֶערְן דָאס אוּן חַזֵר דָאס מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד. אֵיידֶער דוּ הֵייבְּסְט אָן לֶערְנֶען זָאלְסְטוּ זָאגְן: "הֲרֵינִי לוֹמֵד לִזְכוּת מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעבֶּעטְן אִינֶעם בְּרִיוו וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְּקוּת, מֶען זָאל לֶערְנֶען לִזְכוּתוֹ.

בַּארֶעכְן זִיךְ אוֹיבּ עֶס לוֹינְט זִיךְ דִיר צוּ אַרְבֶּעטְן אַ גַאנְץ לֵיל שִׁשִּׁי אוּן אַ גַאנְץ פְּרַייטָאג פַאר דִי פָּאר דָאלֶער אוּן נָאכְדֶעם שְׁלָאפְן אַ גַאנְץ שַׁבָּת; שַׁבָּת אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע טָאג פוּן דִי וָואךְ, שַׁבָּת אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ שָׁאד אַוֶועק צוּ גֶעבְּן דֶעם שַׁבָּת פַאר דִי פָּאר דָאלֶער, אָדֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן צַייט פְּרַייטָאג נָאכְמִיטָאג זִיךְ אַרָאפְּצוּלֵייגְן כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין שַׁבָּת מִיט פְרֵייד, אוֹיסְגֶערוּטֶערְהֵייט.

דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט (דִּבְרֵי תּוֹרָה מַהֲדוּרָא תְּשִׁיעָאָה, אוֹת יג) בְּשֵׁם דֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ פַארְוָואס עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת מֶען זָאל שְׁלָאפְן פְּרַייטָאג, וַוייל עֶס אִיז אַנְדֶערְשׁ דֶער גַאנְצֶער שַׁבָּת וֶוען מֶען אִיז אוֹיסְגֶערוּט.

...

**נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טְרַאכְט, דַארְף מֶען רֶעדְן דֶערְפוּן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת עֵקֶב, כ״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ פוּן בֵּית פֵּיגָא פוּן זַאכְן וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט נוֹגֵעַ פַאר זֵיי, רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי פוּן הָאבְּן קִינְדֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳.

בִּכְלַל דַארְף מֶען וויסְן, נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טְרַאכְט דַארְף מֶען רֶעדְן דֶערְפוּן, אֲפִילוּ צְווִישְׁן דִי וַוייבְּלֶעךְ, וּבִפְרַט מִיט מֵיידְלֶעךְ.

נוּצְט אַייעֶר דִיבּוּר אוֹיף גוּטֶע זַאכְן. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, פְּרוּוְועְן הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה, זֵיי רֶעדְן אַסַאךְ; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִידּוּשִׁין מט:): ״עֲשָׂרָה קַבִּין שִׂיחָה יָרְדוּ לָעוֹלָם״, צֶען קַב (מָאס) רֶעדְן אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, ״תִּשְׁעָה נָטְלוּ נָשִׁים, וְאֶחָד נָטְלוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ״, אֵיינְס הָאט דִי וֶועלְט גֶענוּמֶען אוּן נַיין אִיז גֶעגַאנְגֶען פַאר דִי פְרוּוְועְן; זָאגְט מוֹהֲרָא״שׁ, אוֹיבּ פְרוּוְועְן הָאבְּן דִי מַתָּנָה פוּן רֶעדְן אַסַאךְ, קֶענֶען זֵיי דָאס נוּצְן אוֹיף גוּטֶע זַאכְן, אוֹיף מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע אוּן אוֹיף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי חֳדָשִׁים וָואס אִיר וַוארְט - דַארְפְט אִיר אוֹיסְנוּצְן אַייעֶרֶע דִיבּוּרִים אוֹיף גוּטֶע זַאכְן, אוֹיף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן גְרִינְג, אַלֶעס זָאל זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

...

**נִישְׁטָא דִי וֶוערְטֶער דִיר צוּ דַאנְקֶען פַאר אַלֶעס וָואס טוּסְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, כ״ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִיר צוּ דַאנְקֶען פַאר אַלֶעס וָואס דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אַוֶועק פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת ״הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ״, וּבִפְרַט פַארְ׳ן הֶעלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל ״קִרְיַת בְּרֶסְלֶב״.

בַּאזוּנְדֶער דַאנְק אִיךְ דִיר פַארְ'ן מְנַדֵב זַיין דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פַארְ'ן תַּלְמוּד תּוֹרָה; אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואו צוּ לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען אוּן אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, דִי זְכוּתִים וֶועט דִיר בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## זָאג כָאטְשׁ אַבִּיסְל תְּהִלִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל מֻקְדָם, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה "בֵּית פֵּיגָא" בְּרֶסְלֶב**

דָאס אִיז אַ מַתָּנָה פַאר דִי חָשׁוּבְ'עֶ תַּלְמִידָה ... תְּחִיֶ'.

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִים; אוֹיבּ אִיר קֶענְט זָאגְן דֶעם "יוֹם תְּהִלִים" יֶעדְן טָאג - אִיז זֵייעֶר גוּט, אוּן אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא דִי צַייט - זָאלְט אִיר זָאגְן כָאטְשִׁיג אַבִּיסְל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צח) אַז תְּהִלִים אִיז אַ מִשְׁעֶנֶת, אַן אוּנְטֶערְלַאנֶער, אַזוֹי וִוי אַ שְׁטֶעקְן פַאר עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן צוּ קֶענֶען גֵיין; תְּהִלִים בְּרֶענְגְט צוּ תְּשׁוּבָה, תְּהִלִים בְּרֶענְגְט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## וִוי אַזוֹי צוּ הֶעלְפְן מִיט דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת רְאֵה - מְבָרְכִים אֱלוּל, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע אַרְבֶּעט פַאר דִי מוֹסָד,

הָאסְט אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט דִי מֵיידְל קֶעמְפּ אַזוֹי גֶעשְׁמַאק; מָרַת ..., דִי מְנַהֶלֶת תְּחִיֶ׳ - זָאגְט מִיר אַז דִי יָאר זוּמֶער אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זוּמֶער, אַלֶעס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּגֶעשְׁטֶעלְט; דִי יְיַשֶׁר כֹּחַ קוּמְט דִיר פַאר׳ן זַיין אַזוֹי גֶעטְרֵיי.

בְּנוֹגֵעַ הֶעלְפְן מֶענִידְזְשְׁן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה, דוּ זָאגְסְט מִיר אַז דוּ ווִילְסְט הֶעלְפְן, דוּ ווִילְסְט טוּן פַאר׳ן רֶבִּי׳ן; בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט טוּן דִי דְרֵיי זַאכְן:

1) עֶרְשְׁטְנְס, גֶעבּ אַכְטוּנְג דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן סַכָּנָה, דֶער בִּנְיָן זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן סַכָּנָה.

2) צְוֵוייטְנְס, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף רֵיינְקֵייט, דֶער בִּנְיָן זָאל זַיין רֵיין, אַזוֹי אוֹיךְ דִי בָּאסֶעס.

3) אוּן דִי דְרִיטֶע זַאךְ, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיפְ׳ן רֶבִּינְ׳ס גֶעלְט; עֶס זָאל דִיר אָנְגֵיין יֶעדֶע פְּרוּטָה פוּן רֶבִּי׳ן.

אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן מִיר דִי דְרֵיי זַאכְן, דוּ וֶועסְט צוּשְׁטֶעלְן פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין זִיכֶער; סֵיי בַּיים קוּמֶען, סֵיי בַּיים זַיין אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל אוּן סֵיי בַּיים אַהֵיימְגֵיין, אוּן עֶס וֶועט זַיין רֵיין אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, אוּן דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ׳ן רֶבִּינְ׳ס גֶעלְט - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּלַאץ.

...

## רֶעדְן מִיט גֶעפִיל צוּ דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת רְאֵה - מְבָרְכִים אֱלוּל, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, כ״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחִיֶ׳

מַזָל טוֹב פַאר אַייעֶר גֶעבּוֹירֶענֶע אִינְגְל, אַייעֶר בְּכוֹר ... נֵרוֹ יָאִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען אַסַאךְ נַחַת אִינְאֵיינֶעם מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אוּן זוֹכֶה זַיין אִים צוּ מְגַדֵּל זַיין לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

יֶעצְט וֶוען אִיר זֶענְט נִישְׁט אִין קֶעמְפּ שְׁרֵייעֶן דִי מֵיידְלֶעךְ אַז זֵיי ווִילְן

אִיר זָאלְט צוּרִיק קוּמֶען, אַזוֹי גֵייט עֶס; וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט אַ צְוֵוייטְן דֶעמָאלְט בֶּענְקְט מֶען זִיךְ, זֵיי זָאגְן אַז אִיר לֵייגְט שְׁלָאפְן מִיט הַארְץ, מִיט שֵׂכֶל; אִיר שְׁרֵייט נִישְׁט.

דִי וָואךְ הָאט מֶען גֶעזוּכְט אֵיינֶער זָאל אַייךְ אִיבֶּערְנֶעמֶען, יֶענֶע אִיז גֶעקוּמֶען אוּן גֶעקְוִויטְשֶׁעט אוֹיף דִי מֵיידְלֶעךְ, יֶענֶע הָאט זֶעט אוֹיס פַארְגֶעסְן וָואס מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען, יֶענֶע הָאט פַארְגֶעסְן אַז זִי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מֵיידְל; עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט וֶוען מֵיידְלֶעךְ רֶעדְן בַּיינַאכְט אוּן אַז עֶס נֶעמְט אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער, זֵיי זָאגְן אַז זֵיי ווילְן אִיר זָאלְט צוּרִיק קוּמֶען לֵייגְן שְׁלָאפְן; אִיר לֵייגְט שְׁלָאפְן מִיט רַחְמָנוּת, אִיר רֶעדְט שֵׁיין צוּ זֵיי.

רוּט זִיךְ אָפּ, קוּמְט צוּרִיק צוּ דִי כֹּחוֹת; אִיךְ הָאף מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אִיר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען אִין סְקוּל אַרֵיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה.

...

### יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזוֹי שֵׁיין דִי לוּחַ בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת רְאֵה - מְבָרְכִים אֱלוּל, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער .... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזוֹי שֵׁיין דִי "לוּחַ לִשְׁנַת תשפ"ב"; הָאסְט אַרֵיינְגֶעלֵייגְט שְׁוֶוערֶע כֹּחוֹת עֶס זָאל זַיין שֵׁיין אָן קַיין גְרַייזְן, מִיט דֶעם הָאסְטוּ אַ זְכוּת פוּן טוּן פַאר הַפָּצָה, צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער שְׁטֶעטְל אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז מֶען קֶען זַיין דָא אַ גַאנְץ זוּמֶער אוּן זִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט זֶען, אִיךְ זֶע דִיר בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוער אִיךְ פַארְנוּמֶען אוּן אִיךְ פַארְגֶעס צוּצוּגֵיין צוּ דִיר; אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט צוּפְרִידְן, אִיךְ הָאף אַז אַלֶעס אִיז בַּיי דִיר אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה וָואס דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען, אַן אֵשֶׁת

חַיִל; אַ גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ. בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים דַאנְקֶען יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אוֹיף דֶעם אַז מֶען אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט.

לָאז מִיר וִויסְן אוֹיבּ דוּ וִוילְסְט דִי יָאר נָאכְאַמָאל הֶעלְפְן מִיט דִי זִיצְן אִין אוּמַאן.

...

### זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעטְרֶעטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת רְאֵה - מְבָרְכִים אֱלוּל, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַמְּלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן דֶערְצִיטֶערְט אַז בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה זָאל זַיין אַזוֹינְס אַז אַ קִינְד זָאל נִישְׁט וֶועלְן גֵיין אִין חֵדֶר.

מָרַת ... תִּחְיֶ', דִי מַאמֶע פוּן הַיֶּלֶד הַנֶּחְמָד ... נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט אַז אִיר קִינְד וִויל נִישְׁט גֵיין אִין חֵדֶר וַוייל מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים, עֶר הָאט שׁוֹין דֶערְצֵיילְט פַּארְ'ן מְלַמֵּד אוּן דֶער מְלַמֵּד זָאגְט: "יָא יָא, אִיךְ גֵיי טוּן", אוּן גָארְנִישְׁט, כְּאִילוּ לֹא הָיָ'. דִי מַאמֶע זָאגְט מִיר אַז זִי הָאט שׁוֹין גֶערוּפְן דֶעם מְלַמֵּד, דֶער מְלַמֵּד זָאגְט: "יָא יָא, זִיכֶער, אִיךְ גֵיי שׁוֹין טוּן" אוּן מַפְטִירִין כְּדְאֶתְמוֹל; יֶעצְט קוּמְט זִי וֵויינֶען צוּ מִיר וָואס זִי קֶען טוּן.

בֶּעט אִיךְ דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע מְלַמְּדִים בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, עֶס לִיגְט אַן אַחְרָיוּת אוֹיפְ'ן מְלַמֵּד אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט צֶעטְרֶעטְן דִי קִינְדֶער, מֶען טָאר נִישְׁט לָאזְן עֶס זָאל אַזוֹינְס פַּאסִירְן, מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן: "יָא יָא, אִיךְ וֶועל טוּן", אוּן נִישְׁט טוּן, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין עֵצָה, דַארְפְסְטוּ זִיךְ וֶוענְדְן צוּם מְנַהֵל, אוּן אַז דֶער מְנַהֵל זִינְגְט אוֹיךְ דֶעם נִיגּוּן: "יָא יָא, זִיכֶער, אִיךְ גֵיי שׁוֹין טוּן", אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז גָארְנִישְׁט גֶעטוּן גֶעוָוארְן, זָאלְסְטוּ קוּמֶען צוּ מִיר, אִיךְ וֶועל מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף דִיר פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן.

אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶס זָאל זַיין אַזַא זַאךְ בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אַז קִינְדֶער

זָאלְן וֶוערְן צֶעטְרָאטְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעעֶפְנְט דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ מוֹסָד מִיטְ׳ן נָאמֶען ׳בְּרֶסְלֶב׳, אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ אַז עֶס זָאל זַיין ׳בְּרֶסְלֶב׳ נִישְׁט פַאר דִי נָאמֶען, נָאר טַאקֶע אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט עֶס זָאל זַיין.

...

## דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אִיז זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן אָפְן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת רְאֵה - מְבָרְכִים אֱלוּל, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, כ״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ אַרַיינְגֶעטְרַאכְט אִין וָואס אִיר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט; דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז אִיר זָאלְט אִיר לָאזְן ווִיסְן אַז אִיר וֶוערְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט פוּן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי זִי רֶעדְט מִיט אַייךְ, ווַייל עֶס קֶען זַיין אַז זִי ווֵייסְט נִיטְאַמָאל אַז זִי טְשֶׁעפֶּעט אַייךְ, זִי ווֵייסְט נִישְׁט אַז זִי שְׁטֶערְט אַייךְ; נִישְׁט נָאר זִי ווֵייסְט נִישְׁט, נָאר אִין אִיר ווִיסְטְן חָלוֹם פַּאלְט אִיר נִישְׁט אַיין אַז אִיר וֶוערְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן גֶעקְלַאפְּט. זִי אִיז נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע פְּרוֹי, זִי אִיז אַ ווָאוֹילֶע פְּרוֹי; קֶען זַיין דִי וֶועג ווִי אַזוֹי זִי רֶעדְט אִיז נִישְׁט גוּט.

אִיךְ ווֵייס אַז עֶס וֶועט אַייךְ זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ זָאגְן, אֶפְשָׁר וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער אִיר צוּ שְׁרַייבְּן אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו. שְׁרַייבְּט אִיר ווִי אַזוֹי אִיר שְׁפִּירְט וֶוען זִי רֶעדְט אַזוֹי צוּ אַייךְ, ווַייל עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ לֶעבְּן מִיט פַיינְטְשַׁאפְט; אַ שָׁאד וֶוען מִיר זֶענֶען דָא בַּיים רֶבִּי׳ן, מִיר זֶענֶען ווִי אֵיין גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה - זָאל מֶען זַיין צוּקְרִיגְט, וֶוען מֶען קֶען דָאס אוֹיסְגְרָאדְן.

אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהַאט מִיט יָארְן צוּרִיק, מַיין נָאנְטֶער חַבֵר מִיט וֶועם אִיךְ הָאבּ אִינְאֵיינֶעם גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסָד - מִיט אִים הָאט דָאס פַּאסִירְט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ זַאךְ וָואס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, דִי וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אָט אָט גֵיי אִיךְ זִיךְ צוּקְרִיגְן מִיט אִים,

עֶס אִיז אַרַיין אִין מִיר אַ פַּיינְטְשַׁאפְט. וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינ'ס עֵצָה, אִיךְ הָאבּ מִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וָואס טוּ אִיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? מַיין נָאנְטֶער חָבֵר, מַיין נָאנְטֶער פְרַיינְט מִיט וֶועם אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי יְשִׁיבָה, דִי חֵדֶר אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - מַאכְט מִיר נֶערְוֶועז, בִּיז אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט", אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן בִּיז עֶס אִיז מִיר אַרַיין אַ מַחֲשָׁבָה: 'אֶפְשָׁר וֵוייסְט עֶר נִישְׁט, אֶפְשָׁר כַאפְּט עֶר נִישְׁט?' אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן אַלֶעס אִיז מְסוּדָר גֶעוָוארְן, מִיר זֶענֶען גֶעוָוארְן נָאךְ נֶענְטֶער.

אַזוֹי אִיז בַּיי אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת, מַאן אוּן וַוייבּ הָאבְּן חֲתוּנָה, אֵיינֶער קוּמְט פוּן אַ מִשְׁפָּחָה וָואס מֶען רֶעדְט מֶער שַׁארְף, מֶער שְׁטֶעכֶעדִיג, אוּן בַּיים צְוֵוייטְן רֶעדְט מֶען וֵוייךְ, פוּטֶערְ'דִיג; קֶען פַּאסִירְן דָאס אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַאְרוֵוייטָאגְט אוּן גֶעטְשֶׁעפֶּעט אָן דֶעם וָואס דֶער אַנְדֶערֶער זָאל דָאס וִויסְן.

אִיךְ רָאט אַייךְ אִיר זָאלְט אִיר שְׁרַייבְּן אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו, זָאגְט אִיר: "אִיךְ וִויל זַיין נָאנְט מִיט דִיר אַזוֹי וִוי אִין אָנְהֵייבּ", שְׁרַייבְּט אִיר אַייעֶר גֶעפִיל, וִוי אַזוֹי אִיר שְׁפִּירְט בְּשָׁעַת זִי רֶעדְט וְכוּ' וְכוּ'; - וֶועט זִיךְ אַלֶעס אוֹיסְגְרָאדְן.

דָאס אִיז נָאךְ אַ נִסָיוֹן, נָאךְ אַ פְּרָאוָואקַאצְיֶע פוּנֶעם סמ"ךְ מ"ם צוּ מַאכְן חֲלִישׁוּת הַדַעַת צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; עֶס וֶועט אִים אָבֶּער גָארְנִישְׁט נוּצְן, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ ווָאוּנְדֶערְן אוֹיף דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן אוּנְז.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דֶעם בְּרִיוו אִינְמִיטְן דִי הֲכָנוֹת צוּ שַׁבָּת, עֶס אִיז אַ פַּארְנוּמֶענֶע טָאג; דָאךְ הָאבּ אִיךְ אַרָאפְּגֶענוּמֶען צַייט צוּ שְׁרַייבְּן כְּדֵי עֶס זָאל אַייךְ זַיין גוּט, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט פַּיינִיגְן פוּן דֶעם, אוּן אַייךְ גֶעבְּן אַן עֵצָה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם.

עֶרֶב שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה, בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים פְלֶעגְט עֶרֶב שַׁבָּת זַיין אַ מוֹרָא'דִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה. מֶען דֶערְצֵיילְט אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זַיין יֶעדֶע עֶרֶב שַׁבָּת אַזַא הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אַלֶע פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט דָארְט אִין

שְׁטוּב, דִי מְשָׁרְתוֹת - פְּלֶעגְן זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת פוּן דִי גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה, עֶס הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי וְוִי יוֹם הַקָדוֹשׁ.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן אִיבֶּערְמַאכְן מַיין דִירָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת רְאֵה - מְבָרְכִים אֱלוּל, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, כ״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן אִיבֶּערְמַאכְן מַיין דִירָה אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, פַארְ'ן אִיבֶּערְפֶּעינְטְן אוּן אִיבֶּערְסְקְרֶעיפְּן. מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶען מִיר צוּרִיק אִין שְׁטָאט זוּנְטָאג לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, אִיךְ הָאף דִי דִירָה וֶועט זַיין גְרֵייט. לָאז מִיר וִויסְן וִויפִיל עֶס קָאסְט, אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן בִּיזְן לֶעצְטְן פְּרוּטָה.

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

שְׁרַייבּ מִיר וַוייטֶער דַיינֶע סִיוּמִים; אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה צוּ זֶען אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵים גֶעוֶועזְן דִי פִינְף אוּן פוּפְצִיגְסְטֶע מָאל מַסֶכֶת חֲגִיגָה אוּן דוּ הָאסְט יֶעצְט מְסַיֵים גֶעוֶועזְן דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיגְסְטֶע מָאל מִשְׁנַיוֹת.

...

## תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע צַייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**דֶער סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז אַ מַתָּנָה פַאר דִי חָשׁוּבְ'עֶ תַּלְמִידָה ... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה מַחֲנֶה**

**בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג), וֶוער עֶס וויל נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; תְּהִלִּים וַוייזְט פַאר'ן מֶענְטְשׁ וָואס מֶען זָאל טוּן, תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע צַייטְן.

יֶעדֶעס מָאל אִיר עֶנְדִיגְט תְּהִלִּים זָאלְט אִיר אוֹיפְשְׁרַייבְּן אִינֶעם תְּהִלִּים וויפִּיל מָאל אִיר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט, אוֹיךְ זָאלְט אִיר מִיר שְׁרַייבְּן פוּן צַייט צוּ צַייט וויפִּיל מָאל אִיר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט סֵפֶר תְּהִלִּים.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, אַלֶעס וֶועט זַיין גוּט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר וֶועט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, עֶר וֶועט גֵיין צוּ דֶער בַּר מִצְוָה גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

שְׁטַארְק זִיךְ בֶּאֱמוּנָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס זָאל זַיין גוּט; וֶוען דוּ בֶּעטְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל דָאס זַיין מִיט אַ גֶעלַאסְנְקֵייט, נִישְׁט פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה; דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס דוּ בְּרֶענְגְסְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דַיין הֲפָצָה וֶועט דִיר זַיין פַאר אַ זְכוּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אִין סֵפֶר תְּהִלִּים לִיגְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**דֶער סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז אַ מַתָּנָה פַאר דִי חָשׁוּבְ׳עֶ תַּלְמִידָה ... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה מַחֲנֶה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אִין סֵפֶר תְּהִלִּים לִיגְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת. תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ וָואקֶער אוֹיף וָואס מֶען לַיינְט זִיךְ אָן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן צח); וֶוער עֶס זָאגְט תְּהִלִּים פַּאלְט נִישְׁט, מֶען בַּאקוּמְט כֹּחַ בַּייצוּקוּמֶען אַלֶעס פוּן לֶעבְּן.

יֶעדֶעס מָאל אִיר עֶנְדִיגְט זָאגְן דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר תְּהִלִּים זָאלְט אִיר אַרַיינְשְׁרַייבְּן בַּיים סוֹף פוּנֶעם תְּהִלִּים וִויפִּיל מָאל אִיר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט, אוֹיךְ זָאלְט אִיר מִיר דֶערְצֵיילְן וִויפִּיל מָאל אִיר עֶנְדִיגְט תְּהִלִּים; וֶועט אִיר מִיר דֶערְפְרֵייעֶן.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## דִי הַארְבְּקֵייט פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ מַאךְ אַ בִּילְד וִוי אַזוֹי עֶס הֶענְגְט אַ טִיכְל אוֹיפְ׳ן זֵייגֶער וָואס הֶענְגְט אוֹיפְ׳ן וַואנְט בִּשְׁעַת אֵיינֶער פַארְבְּט דִי וַואנְט, אוּן וִוי דֶער רֶבִּי וַוייזְט יֶענֶעם מִיט דִי הַאנְט, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער הַאלְט יֶענֶעם פָאר: ׳וָואס טוּסְטוּ?!׳

דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר לֵייגְן דִי מַעֲשֶׂה וִוי דֶער רֶבִּי הָאט פָארְגֶעהַאלְטְן רֶבִּי נָתָן פַארְוָואס עֶר הָאט צוּגֶעדֶעקְט דִי זֵייגֶער מִיט אַ פְּרוּיעֶן טִיכְל. דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן מִיר זָאלְן הָאבְּן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, מֶען זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן פַאר אֵיין רֶגַע אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיד): ״סֶע הָאט אַ פָּנִים אַז מֶע מוּז זִיךְ פוּן אַ הִרְהוּר

זֵייעֶר הִיטְן"; הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "מִיט אַ טִיכְל פַארְדֶעקְסְטוּ דֶעם זֵייגֶער? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶס זֶענֶען דָא שְׁוַואכֶע מֹחוֹת וָואס פוּן קוּקְן אוֹיף אַ טִיכְל הָאבְּן זֵיי שׁוֹין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת?!"

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי מֶען שְׁרַייבְּט דָאס פַאר קִינְדֶער:

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר מֶען זָאל הָאבְּן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, טְרַאכְטְן נָאר פוּן גוּטֶע זַאכְן, נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן; וַוייל אוֹיבּ מֶען הָאט אַ רֵיינֶעם גֶעדַאנְק דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אֵיינְמָאל הָאט מֶען גֶעפַּארְבְּט דֶעם רֶבִּינְ'ס הוֹיז, עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי טֶעג פַאר דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, מֶען הָאט אִיבֶּערְגֶעפַּארְבְּט דִי שְׁטוּבּ פוּן רֶבִּי'ן, אוּן רֶבִּי נָתָן דֶער גֶעטְרֵייעֶר תַּלְמִיד הָאט גֶעהָאלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעדַארְפְט. אוֹיפְ'ן וַואנְט אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע זֵייגֶער, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזוּכְט עֶפֶּעס וָואס מֶען קֶען אִיבֶּערְדֶעקְן דִי זֵייגֶער עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג, עֶר הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אַ טִיכְל אוֹיפְ'ן זֵייגֶער.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען מִיט וָואס עֶר דֶעקְט צוּ דִי זֵייגֶער, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מִיט אַ פְרוֹיעֶן טִיכְל דֶעקְסְטוּ אִיבֶּער דֶעם זֵייגֶער? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ טִיכְל הֵייבְּן זֵיי שׁוֹין אָן טְרַאכְטְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, נִישְׁט מִיט דֶעם זָאלְסְטוּ דָאס צוּדֶעקְן".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי שְׁטַארְק מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף וָואס מֶען קוּקְט אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן וָואס מֶען טְרַאכְט, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים; וַוייל נָאר אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן דִי מַחֲשָׁבָה קֶען מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס; מֶען דַארְף דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן רֶבִּי'ן, מַעֲשִׂיוֹת וָואס זֵיי וֶועלְן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם וִוי אַזוֹי צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

זַיי גֶעזוּנְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### תְּהִלִּים אִיז אַ זִיסֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א

**דֶער סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז אַ מַתָּנָה פַאר ... תְּחִיֶ׳**

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען הִימְלִישֶׁע כֹּחוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג) אַז תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ צוּ טוּן גוּטֶע זַאכְן אוּן צוּ זַיין אַ גוּטֶער אִיד.

זֵייעֶר אַסַאךְ מֵיידְלֶעךְ אוּן וַוייבְלֶעךְ ווילְן נִישְׁט זָאגְן תְּהִלִּים וַוייל מֶען הָאט זֵיי גֶע׳קַנְסְ׳עֶט מִיט זָאגְן תְּהִלִּים, אָדֶער דֶערְשְׁרָאקְן מִיט זָאגְן תְּהִלִּים, אָדֶער גֶעצְוואוּנְגֶען צוּ זָאגְן תְּהִלִּים, הַיינְט קֶענֶען זֵיי נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְ׳ן תְּהִלִּים; זֵיי ווילְן נִישְׁט קַיין קְנָס, זֵיי ווילְן נִישְׁט שְׁרֶעק אָדֶער וֶוערְן בַּאצְווינְגֶען, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז תְּהִלִּים אַ זִיסֶע זַאךְ, תְּהִלִּים הֵיילְט דֶעם מֶענְטְשׁ, תְּהִלִּים עֶפְנְט דִי הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוער דֶען אוֹיבּ נִישְׁט אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע דַארְף אַזוֹי ווִיכְטִיג דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים, צוּ בֶּעטְן פַאר דִי קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶעס.

יֶעדֶעס מָאל אִיר זֶענְט מְסַיֵּים נָאכְאַמָאל דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים זָאלְט אִיר אַרַיינְשְׁרַייבְּן בַּיים סוֹף אַייעֶר סִיּוּם, אוֹיךְ זָאלְט אִיר מִיר דֶערְצֵיילְן אַייעֶרע סִיּוּמִים, וֶועט אִיר מִיר דֶערְפְרֵייעֶן.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין אִין זָאגְן תְּהִלִּים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען

בַּאקוּמֶען אַ שִׁידוּךְ אוּן אוֹיךְ שָׁלוֹם בַּיִת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן פז): "דַּע, שֶׁכַּוָּנַת אֱלוּל הֵם תִּקּוּן לִפְגַם הַבְּרִית", חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז מְסוּגָל צוּ פַארְרֶעכְטְן פְּגַם הַבְּרִית, "וְלִפְעָמִים, מֵחֲמַת זֶה הַפְּגָם יוּכַל לְאַבֵּד אֶת זִוּוּגוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁנָּטָה מִזִּוּוּגוֹ קָשֶׁה לוֹ לִמְצֹא אֶת זִוּוּגוֹ", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט עֶר זַיין שִׁידוּךְ, "וַאֲפִילוּ אִם יִמְצָא אֶת זִוּוּגוֹ, תִּהְיֶה לוֹ מְנַגֶּדֶת וְלֹא תִּהְיֶה נוֹטָה אַחַר רְצוֹנוֹ", אוּן אֲפִילוּ דֶער וָואס הָאט זַיין שִׁידוּךְ, עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, וֶועט זִיךְ זַיין וַוייבּ קְרִיגְן מִיט אִים וְכוּ׳. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וְחֹדֶשׁ אֱלוּל שֶׁאָז יְכוֹלִין לְתַקֵּן זֶה", חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּפְגַם הַבְּרִית, "אֲזַי מוֹצֵא זִוּוּגוֹ, וְהִיא אֵינָהּ כְּנֶגְדּוֹ, רַק כִּרְצוֹנוֹ", מִמֵּילָא אִיז מֶען דֶעמָאלְט זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם שִׁידוּךְ; זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר וֶוען עֶר הָאט אִים בַּאפוֹילְן צוּ גֵיין זוּכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר יִצְחָק אָבִינוּ, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית כד, ח): "וְ'אִם לֹ'א תֹ'אבֶה הָאִשָּׁה לָ'לֶכֶת אַ'חֲרֶיךָ", דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק אִיז אֱלוּל, אוּן אִינְמִיטְן שְׁטֵייט דִי וֶוערְטֶער: "תֹאבֶה הָאִשָּׁה", דָאס קוּמְט אוּנְז וַוייזְן אַז חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז מְסוּגָל צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ; וַוייל אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אוּנְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען ווִיל גָארְנִישְׁט, מֶען ווִיל נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

זָאג תְּהִלִּים; תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט צוּ תְּשׁוּבָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה; "זֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִין, שֶׁבִּימֵי תְּשׁוּבָה - דְּהַיְנוּ בֶּאֱלוּל וַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, כָּל יִשְׂרָאֵל עוֹסְקִין אָז בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל", אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זֶענֶען אַלֶע עוֹסֵק אִין זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה, "וְעַל כֵּן, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד לַעֲסֹק תָּמִיד בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי תְּהִלִּים הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחֵז בּוֹ", דֶערְפַאר אִיז אַ

גְרוֹיסֶע זַאךְ שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין אִין זָאגְן תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**שְׁוַוייגְן וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ הָאף אַז אַלֶעס אִיז בַּיי דִיר אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג; בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל אִיז זֵייעֶר שֵׁיין, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ שִׂמְחוֹת, יֶעדֶע וָואךְ דֶעם זוּמֶער אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל שִׂמְחוֹת כֵּן יִרְבּוּ.

הַיינְט אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִית בַּיי הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, זוּנְטָאג אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִית בַּיי הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג אִיז דָא נָאךְ אַ בְּרִית בַּיי הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר. אוֹיךְ וֶועט זַיין זוּנְטָאג אַ שֵׁיינֶע מַעֲמָד, אִיךְ וִויל דִיר לַאדֶענֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ צוּם הַכְּתָּרָה, מִיר גְרֵייטְן זִיךְ אוֹיפְצוּנֶעמֶען הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי יוֹנָה זִינְגֶער שְׁלִיטָ״א זָאל זַיין דַיָּין פַאר אוּנְזֶער קְהִילָה. דֶער מַעֲמָד וֶועט פָארְקוּמֶען זוּנְטָאג כִּי תֵצֵא אִינֶעם בִּנְיַן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה אִין לִיבֶּערְטִי, אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דִיר צוּ זֶען; דִי מְסִבָּה אִיז פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָה, פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה; מֶענֶער, פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער.

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, יֶעדֶער זוּכְט אַ תְּשׁוּבָה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן, הָאבְּן מִיר פוּן רֶבִּי׳ן אַ וֶועג פַאר תְּשׁוּבָה, אָפְּשְׁוַוייגְן וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט; אוֹיבּ אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט דִיר זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן שְׁטִיל, עֶנְטְפֶער נִישְׁט; מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אָפְּקוּמֶען אַלֶע דַיינֶע חֲטָאִים, עֲווֹנוֹת אוּן פְּשָׁעִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ו): ״וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק״, אַז מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה.

מֶען הָאט אַלֶע יָארְן גֶעזֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי זַאךְ פוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט; בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעפְּרֵיידְט וֶוען זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַ בִּזָיוֹן, אֲפִילוּ דִי מִתְנַגְדִים הָאבְּן גֶעוְויסְט צוּ זָאגְן אַ סִימָן וֶוער עֶס אִיז אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר, דֶער וָואס לָאזְט זִיךְ, דֶער וָואס עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט.

מוֹהֲרָא״ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה גֶעגַאנְגֶען מִיט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, אוֹיפְ׳ן וֶועג אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַ מִתְנַגֵד אוּן גֶעוָוארְפְן אוֹיפְ׳ן טְשֶׁערִינֶער רָב אַ שְׁטִיק צוֹאָה. דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שֵׁיינֶע זַיידֶענֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן דִי בֶּעקִיטְשֶׁע אִיז אִים פַארְשְׁמִירְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט וְויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דֶעם נָאר עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער דֶער אַנְדֶערֶער וָואס אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ דֶעם מִתְנַגֵד אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁרֵייעֶן: ״שֵׁגֶץ!״ וְכוּ׳ אוּן דֶער מִתְנַגֵד הָאט צוּרִיק גֶעשְׁרִיגְן וְכוּ׳. הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִים אָנְגֶעכַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט: ״שְׁוַוייג, דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער זַאךְ״, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט: ״אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט״.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דֶערְהַאלְט זִיךְ; קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע חֲלִישׁוּת הַדַעַת וָואס דוּ הָאסְט טָאג טֶעגְלִיךְ, בְּלַייבּ שְׁטַארְק וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ דַיין זַאךְ.

אִיךְ דַארְף לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַבִּיסְל חִיזוּק, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן אַ צְוֵוייטֶע מָאל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעזָאגְט מֶען זָאל גֵיין נֶעמֶען דִי וַואקְסִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען פַארְדְרֵיידְט מַיינֶע וֶוערְטֶער; אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעזָאגְט מֶען זָאל גֵיין נֶעמֶען דִי וַואקְסִין, וָואס יָא? אִיךְ זָאג פַאר דֶער וָואס פְּרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ נֶעמֶען - אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, מֶען קֶען דָאס נֶעמֶען.

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט וֶועגְן דִי וַואקְסִין, כָּל זְמַן עֶס אִיז דָאךְ דָא נָאךְ וֶועגְן אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ אַייךְ הַצְלָחָה לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ׳**

אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ אַייךְ הַצְלָחָה לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר, עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערְן (תְּהִלִּים קמד, יד): ״אֵין פֶּרֶץ וְאֵין יוֹצֵאת וְאֵין צְוָחָה בִּרְחֹבֹתֵינוּ״, וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דַרְשְׁ׳עֶנֶען אוֹיף דֶעם (בְּרָכוֹת יז:) אַז קֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים זָאלְן נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי תּוֹרָה וֶועג.

אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט יֶעדֶע תַּלְמִידָה, מִיר זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ נֵייעֶם דוֹר וָואס אַלֶע וֶועלְן זַיין גְרוֹיסֶע נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### פַארְגֶעסְן דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן נַיי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר שׁוֹין לַאנְג צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו וואו עֶר בֶּעט מִיר אִין אַייעֶר נָאמֶען אַז אִיר דַארְפְט חִיזוּק אוֹיף זָאגְן תְּהִלִּים, אִיר קֶענְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְ׳ן תְּהִלִּים צוּלִיב וָואס אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַייךְ זֵייעֶר גֶעדְרוּקְט צוּ זָאגְן תְּהִלִּים בְּיוֹם הַחֻפָּה, אוֹיךְ דַארְפְט אִיר חִיזוּק אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַייךְ זֵייעֶר גוּט אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט, עֶס דֶערְמַאנְט אַייךְ צוּרִיק אַלְטֶע נִישְׁט גוּטֶע זִכְרוֹנוֹת, דָאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט נִישְׁט צוּרִיק גֵיין צוּ דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת, הֵייבְּט אָן אַ נַייעֶ לֶעבְּן. מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן, דִי עִיקָר בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז ״זִיךְ בַּאנַייעֶן״, נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּנֶעם עָבַר, וָואס אִיז גֶעוֶועֶן אִיז גֶעוֶועֶן, מֶען דַארְף פַארְגֶעסְן פוּנֶעם עָבַר.

אַז אִיר וֶועט זָאגְן תְּהִלִּים וֶועט אִיר פַארְדִינֶען גְרוֹיסֶע רְוָוחִים, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת, אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער; וֶועלְן אַוֶועקְגֵיין אַלֶע שֵׁדִים וְרוּחוֹת רָעוֹת, אִיר וֶועט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

בַּיי מִיר זֶענְט אִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, אוֹיךְ אַייעֶר מַאן אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, דַיין יְשׁוּעָה וֶועט זִיכֶער אָנְקוּמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טֵייעֶרֶער ..., אִיךְ בֶּעט דִיר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אִיךְ בֶּעט דִיר פוּן מַיין הַארְץ גֶעב נִישְׁט אוֹיף, לָאז דִיךְ נִישְׁט נָאךְ. אִיךְ וֵויים אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, דוּ וַוארְטְסְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ, דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעטוּן אַלֶע

סְגוּלוֹת אוּן אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן, דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ גְלֵייבְּן אַז עֶס גֵייט טַאקֶע גֶעשֶׁען, אַז דוּ גֵייסְט יָא טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ. דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר פוּן מַיין הַארְץ, בְּלַייב גְלֵייבְּן, בְּלַייב שְׁטַארְק, וֶוער צוּרִיק שְׁטַארְק; הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ נִישְׁט קַיין סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה, אִידִישֶׁע קִינְדֶער בְּלַייבְּן שְׁטַארְק אֲפִילוּ זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזָא רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶר אִיז גֶעזִיצְן שִׁבְעָה נָאךְ זַיין בְּרוּדֶער דֶער בִּילְגוֹרֵייעֶר רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע רֶבִּי'ס, נָאכְן זָאגְן דֶעם נוּסָח: "הַמָּקוֹם יְנַחֵם אֶתְכֶם" וְכוּ', הָאט עֶר צוּגֶעלֵייגְט: "מֶען זָאל נִישְׁט וִויסְן פוּן קַיין צַעַר", דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזָא רָב אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּקָאכְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "צַעַר? ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְצַעֵר גֶעוֶוען"; עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אַפָּאר מָאל: "צַעַר? ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין צַעַר".

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים, בַּיי זֵיי אִיז אַלְץ גוּט, זֵיי גְלֵייבְּן אַזוֹי שְׁטַארְק (בְּרָכוֹת ס:): "כָּל מַה דְעָבִיד רַחְמָנָא לְטָב עָבִיד"; אוּן דָאס אִיז דִי זַאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר בְּרֶענְגְט דָאס אַרַיין אִין אוּנְז פְּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן, פַארְגְרֶעבְּטֶע אוּן מְגוּשְׁמְ'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן, מִיר זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַן הַשָּׂגָה אִין אֵיידְלְקֵייט, מִיר זָאלְן וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ. מִיר פָארְן יֶעצְט צוּם רֶבִּי'ן, דָארְט וֶועסְטוּ פּוֹעֵל'ן דַיין שִׁידוּךְ, אָבֶּער גֶעדֶענְק, דָאס וֶועט נָאר גֶעשֶׁען אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן, דוּ וֶועסְט אַרוּמְגֵיין פְרֵיילִיךְ, דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְטוּן שֵׁיין, פְרִישֶׁע וֶועשׁ; גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב; זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); זַיין פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט אַרוּמְגֵיין מִיט אַ זוֹיעֶרְקֵייט.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ אוּן וַוארְט אוֹיף דַיין יְשׁוּעָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער קֶען מֶען נָאר וֶוען מֶען אִיז גוּט אוֹיסְגֶערוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן
**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאף אִיר הָאט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן נֶעכְטְן גֶערֶעדְט בַּיי דִי אֲסִיפָה מִיט אַלֶע טִיטְשֶׁערְס. אוֹיב מַאכְט זִיךְ אַ טָאג וָואס אִיר זֶענְט נִישְׁט אוֹיסְגֶערוּט, אִיר זֶענְט נִישְׁט גֶענוּג גֶעשְׁלָאפְן אוּן אִיר גֵייט אִין סְקוּל מִידֶערְהֵייט, זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן צוּ זִיךְ אוּן זָאגְן צוּ זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט: 'הַיינְט בִּין אִיךְ אַ בִּמְקוֹם, אַ שְׁטֶעלְפַארְטְרֶעטֶער, אִיךְ קֶען נָאר פְּרוּבִּירְן הַאלְטְן דִי קִינְדֶער אָבֶּער אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין'.

מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער קֶען מֶען נָאר וֶוען מֶען אִיז גוּט אוֹיסְגֶערוּט, מֶען אִיז גוּט זַאט, מֶען אִיז גוּטְמוּטִיג, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זֵיי מְחַנֵךְ זַיין, דֶעמָאלְט רֶעדְט מֶען שֵׁיין, קְלָאר אוּן צוּ דֶער זַאךְ; אוֹיב מֶען אִיז מִיד קֶען מֶען קַאלְיֶע מַאכְן, מֶען קֶען נִישְׁט הַאלְטְן קָאפּ וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן, וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר גֵייט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער קוּמֶענְדִיגֶע יָאר שְׁרַייבְּן, לֵיינֶען וְכוּ' וְכוּ'. אַייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת קוּמֶען אַרוֹיס סוֹף יָאר זֵייעֶר קְלָאר, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גֶעלֶערְנְט סוֹף יָאר; מִיר ווִילְן אַזֶעלְכֶע טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ (דִיסְצִיפְּלִין).

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט פּוֹעֵל'ן דַיין שִׁידוּךְ אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר, שְׁטַארְק זִיךְ, בְּלַייבּ אַ אִיד; גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, זֵיי שְׁטַארְק מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

מִיר פָארְן יֶעצְט צוּם רֶבִּי'ן, מִיר גֵייעֶן אַלֶע קַיין אוּמַאן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז אַלֶע מְתַקֵן זַיין, דָארְט וֶועלְן מִיר פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

איך בִּין זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט פּוֹעֵל'ן דַיין שִׁידוּךְ אִין אוּמַאן; גֶעב נָאר אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַוֶועק גֶעשְׁלֶעפְּט אִין אוּמַאן אִין נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער. מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין אִין עֶרְגֶעץ, גְלַייךְ פוּן עֶירְפָּארְט קוּמֶען קַיין אוּמַאן. מַאךְ נִישְׁט קַיין סְטַאפּ אִין קִיעֶוו, נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן דָארְט, מֶען קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַרָאפְּפַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אִין אוּמַאן זָאלְסְטוּ זַיין מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### זִיכֶער מַאכְן אַז דִי לֶערֶערִינְס טוּעֶן דִי אַרְבֶּעט ווִי מֶען דַארְף

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַזוֹי ווִי אַייעֶר אַמְט גֵייט זַיין צוּצוּשְׁטֶעלְן דִי לִימוּדִים פַאר אַלֶע טִיטְשֶׁערְס אִין אוּנְזֶערֶע דְרֵיי סְקוּלְס, בֵּית פֵיגָא ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, לִיבֶּערְטִי אוּן קִרְיַית יוֹאֵל, אוּן אַייעֶר אַמְט אִיז צוּ זֶען אוֹיב דִי לֶערֶערִינְס טוּעֶן זֵייעֶר אַרְבֶּעט, ווִיל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אוּן אִיךְ פַארְלַאנְג דָאס, אַז אִיר זָאלְט מִיר מוֹדִיעַ זַיין אוֹיף יֶעדֶע טִיטְשֶׁער וֶוער עֶס טוּט דִי אַרְבֶּעט גוּט, וֶוער עֶס קוּמְט אָן מִיט דִי לִימוּדִים אוּן וֶוער עֶס טוּט נִישְׁט דִי אַרְבֶּעט, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוער עֶס הַאלְט דִי זְמַנִים אוּן וֶוער נִישְׁט.

דִי יָאר ווִיל אִיךְ נֶעמֶען דִי סְקוּל זֵייעֶר עֶרְנְסְט, אִיךְ ווִיל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דָאס מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען. אִיךְ ווִיל מִיטְהַאלְטְן יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּרַט פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין, פוּן יֶעדֶע טִיטְשֶׁער אוּן פוּן יֶעדֶע תַּלְמִידָה.

אִין דֶעם זְכוּת פוּן הֶעלְפְן אִין דִי בֵּית פֵיגָא סְקוּל זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ יְשׁוּעוֹת וִימַלֵּא ה' כָּל מִשְׁאֲלוֹתֵיכֶם לְטוֹבָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן הַצְלָחָה אִין אַייעֶר אַרְבֶּעט.

...

## זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס

רֶבִּי נָתָן שְׁפַּאצִירְט זִיךְ אַזוֹי גֶעלַאסְן, עֶר גֵייט צוּם רֶבִּי׳ן, עֶר ווִיל הֶערְן פוּן רֶבִּי׳ן אַבִּיסְל חִזוּק; עֶר שְׁמֶעקְט אַ שְׁוֶוערֶע גֶערוּךְ, עֶס שְׁמֶעקְט פוּן פֵייעֶר, עֶר ווְאוּנְדֶערְט זִיךְ ׳פוּן וואוּ קוּמְט דֶער גֶערוּךְ?׳ עֶר הֵייבְּט אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן זֶעט אַ שְׁוַוארְצֶע רוֹיעֶךְ אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דִי פֶענְסְטֶער פוּן רֶבִּינְ׳ס שְׁטוּב, עֶר הֵייבְּט אָן שְׁרֵייעֶן: ״פֵייעֶר! פֵייעֶר! אוֹי וֵויי! עֶס בְּרֶענְט!! וואוּ אִיז דֶער רֶבִּי?!״

רֶבִּי נָתָן לוֹיפְט אַרַיין מִיט אֵיין אָטֶעם, עֶר זֶעט ווִי דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט רוֹיעֶךְ, דֶער גַּבַּאי הָאט אַיינְגֶעדְרִימְלְט אוּן בְּטָעוּת הָאט עֶר גֶעלָאזְט אַ קוּגְל אוֹיפְ׳ן פֵייעֶר אוּן עֶס הָאט זִיךְ פַארְבְּרֶענְט, דָאס אִיז דִי שְׁוַוארְצֶע רוֹיעֶךְ. רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוֹיס דִי פַארְבְּרֶענְטֶע קוּגְל אוּן טְרָאגְט עֶס אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן, עֶר עֶפְנְט אַלֶע פֶענְסְטֶערְס כְּדֵי דִי רוֹיעֶךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין אוּן גֵייט קוּקְן וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז, אֶפְשֶׁר שְׁלָאפְט דֶער רֶבִּי.

עֶר קוּמְט אַרַיין אִין רֶבִּינְ׳ס שְׁלָאף צִימֶער אוּן זֶעט וִוי דֶער רֶבִּי לִיגְט אִין בֶּעט מִיט אַ שְׁמֵייכְל; רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס גֵייט דָא פָאר, עֶר פְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ: ״רֶבִּי, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, יֶעצְט וֶוען אִיךְ זֶע דֶעם רֶבִּי׳ן אוֹיף, דֶער רֶבִּי שְׁלָאפְט נִישְׁט, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ מִיט גֶעהַאלְטְן דִי מַעֲשֶׂה, פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן דֶעם גַבַּאי׳ס נָאמֶען אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן עֶר זָאל אַרָאפְּנֶעמֶען דִי קוּגְל פוּן פֵייעֶר? פַארְוָואס לִיגְט דֶער רֶבִּי אִין בֶּעט שְׁטִיל?״



דֶער גַבַּאי כַאפְּט אַ גֶעשְׁמַאקֶע דְרִימְל

דֶער רֶבִּי שְׁמֵייכְלְט אוּן זָאגְט: "וֶוען מֶען רוּפְט אֵיינֶעם אוּן יֶענֶער הֶערְט נִישְׁט, זָאגְט מֶען הֶעכֶער, אוּן וֶוען יֶענֶער הֶערְט נִישְׁט זָאגְט מֶען נָאךְ הֶעכֶער, בִּיז מֶען שְׁרַייט אוּן מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף יֶענֶעם; אִיךְ וִויל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ וויל נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן זַיין נָאמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן קוּק וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה? מִיר לֶערְנֶען זִיךְ וִוי שְׁטַארְק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן צוּקוּמֶען צוּ כַּעַס; עֶר אִיז עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל אוּן גֶעלַאסְן מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע עֶסְן וִוי אֵיידֶער צוּקוּמֶען זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן.

לָאמִיר אַלֶע אִינְאֵיינֶעם בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַלֶע קִינְדֶער זָאגְן שֵׁיין: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ פַארְקוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן מִיט מִיר, דוּ הִיטְסְט מִיר".

בעזהשי"ת

# קרן הדפסה לאדענט אייך איין צו ווערן א ברסלב פריים מעמבער!




**אויפן פארלאנג פונעם ציבור אנשי שלומינו,**
**האט קרן הדפסה איינגעפעדעמט א נייע פריים מעמבערשיפ פראגראם,**
**וואס וועט צושטעלן א געוואלד מיט נוצבארע בענעפיטן:**

צום ערשט:

**באקומט "אלע" וועכענטליכע אידישע גליונות און קונטרסים פון היכל הקודש**

אריינגערעכענט די וואס מען אפערט נישט דערפאר קיין סובסקריבשאנס, אזוי אויך די וואס וועלן ארויסקומען בעז"ה אין די צוקונפט.

עקסטערע באנוס:

**אנלימיטעד 10% דיסקאונט אין ברסלב סענטער אנליין געשעפט**

אריינגערעכענט הונדערטע ספרים, קונטרים, אויף אידיש, ענגליש און לשון הקודש, סידים צו הערן און צו זען, און נאך אסאך.

ועל כולם:

**PRIME HOME DELIVERY SERVICE**
**פריים דעליווערי סערוויס:**

באקומט אלעס "צום טיר" מיט פערזעליכע סערוויס אויף א גאלדענעם טאץ - דאס שנעלסטע וואס מעגליך.

**די פרייז צו ווערן א פריים מעמבער איז $24.99 א וואך**

**רופט שוין 718-387-2691 עקסטענשאן 3**



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com